STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02229

ZING-A-LID

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינג=א=ליד

50

ארבעטער און פאָלקס לידער

צווייטע, באַנייטע אויפלאַגע

צוזאַמענגעשטעלט
פון
אַלבערט ביטער

אַרויסגעגעבן פון אידישן מוזיק פאַרבאַנד
ניו־יאָרק

שאַר־בלאַט געצייכנט פון
בען יאָמען

Copyright by
JEWISH MUSIC ALLIANCE
106 East 14th Street
New York City
1 9 4 1
Printed in U. S. A.

5,000 טיראַזש

פרייז: 25 סענט

98

צו דער צווייטער אויפלאַגע:

די ערשטע אויפלאַגע פון דער זאַמלונג „זינג־אַ־ליד“, וואָס איז דערשינען יוני 1940, איז ענטוזיאַסטיש אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך די אידישע פאָלקס־מאַסן. אַלע 2,000 עקזעמפּליאַרן זיינען אין לויף פון עטלעכע וואָכן פאַרשפּרייט געוואָרן, דאָס האָט אונדז געגעבן דערמוטיקונג און אַ מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו דער צווייטער אויפלאַגע. אין דער איצטיקער אויפלאַגע זיינען געמאַכט געוואָרן אייניקע ענדערונגען. מיר האָבן אַרויסגענומען לידער און אויף זייער אָרט אַריינגעגעבן אַנדערע 15 לידער, וואָס זיינען, לויט אונדזער מיינונג, מער צוגעפּאַסט פאַר דער זאַמלונג. מיר האָבן אויך אויסגעבעסערט אייניקע דרוק־פעלערן, וואָס האָבן זיך, לײדער, אַריינגעכאַפּט אין דער ערשטער אויפלאַגע.

אונדזער זאַמלונג נעמט אַריין 50 לידער פון פאַרשיידענעם אינהאַלט און כאַראַקטער: ליבע־לידער, סאָציאַלע לידער, זשאַנער־לידער און וויג־לידער, געשאַפן דורכן פאָלק, ווי אויך פּאָפּולערע לידער פון באַוואוסטע עלטערע און אינגערע דיכטער.

די לידער אין דער זאַמלונג זיינען צוגעפּאַסט צו זינגען אין דעם מיטלסטן רעגיסטער, — דער טאָן אין דעם ליד איז נישט צו־הויך און נישט צו־נידעריק, כדי יעדער זאָל עס קאָנען זינגען.

מיר האָבן ביי אייניקע לידער נישט פאַרצייכנט דעם נאָמען פון מחבר אָדער פון דעם מוזיקער, ווייל זיי זיינען אונדז נישט באַקאַנט.

אַ האַרציקן דאַנק דעם מוזיקער בען יאָמען און דער ליבער חברטע דאָראָטי. אַדאַנק זייער הילף האָט דאָס ביכל דערזען די ליכטיקע שיין.

איך האָף, אַז די צווייטע אויפלאַגע „זינג־אַ־ליד“, ווי די ערשטע, וועט אַריינברענגען דאָס אַמאָליקע און הײנטיקע אידישע ליד אין טויזנטער אַרבעטער היימען. די לידער וועלן געזונגען ווערן אויף אידישע אַרבעטער ימים־טובים און וועלן סטימולירן און דערמוטיקן צום קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט.

יוני 1941

אַלבערט ביטער

TZU MAINE BRIDER

Tekst: D. EDELSHTAT **Muzik: BEN YOMIN**



צו מיינע ברידער

ווערטער: דוד עדעלשטאַט מוזיק: בען יאמין

ברידער, מיר טראָגן אַ דרייפאַכע קייט
אַלס אידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דענקער;
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטן און הענקער.
מען מאַכט אונז פאַר בעטלער, מען מאַכט אונז פאַר
קנעכט
מען וואַרגט אונז, מען בויגט אונז אין דרייען
מען זאָגט אונז: אַלעס דאַרף זיין פאַר אייך רעכט
און רויבט מען אייך — טאָרט איר ניט שרייען.
ברידער מיר מוזן די ליידענדע ערד
פון קייטן, פון טרערן באַפרייען!
שולטער צו שולטער מיט פאַנצער און שווערד
פאַרווערטס אין קעמפענדע רייען!
וואָס שווערער דער קריג אַלץ זיסער דער זיג,
אַץ פראַכטפולער זיינען די פייערס;
און ווער עס פאַלט — אין פרייהייט קריג,
דער לעבט אין די קומענדע דורות.

VACHT OF

Tekst: D. EDELSHTAT



וואַכט-אויף

פון דוד עדעלשטאַט

ווי לאַנג, אָ ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלעכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצענדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם וואָס באַרויבט אייער ברויט?

ווי לאַנג וועט איר שטיין אייערע רוקנס געבויגן
דערנידעריגט הימלאָז פאַרשמאַכט?
עס טאָגט שוין, וואַכט אויף און דערעפנט די אויגן!
דערפילט אייער אייזערנע מאַכט!

קייטן און טראָנען, אָ אַלעם מוז פאַלן
אונטער דעם אַרבעטערס שווערד!
מיט דופדיקע בלומען מיט גאָלדענע שטראַלן
וועט פרייהייט באַצירן די ערד.

SHNEL LOIFN DI REDER

Tekst: D. EDELSHTAT **Muzik: J. SCHAEFER**



שנעל לויפן די רעדער

ווערטער פון דוד עדעלשטאַט — מוזיק פון יעקב שייפער

שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאַפן מאַשינען,
אין שאַפ איז שמוציג און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט, אין אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שוויים.

איך פיל שוין ביי זיך קיין גאַנצן אבר.
צעבראָכן, צעדריקט איז מיין ברוסט,
איך קען שוין פאַר ווייטאָג מיין רוקן ניט בויגן,
ביינאַכט לאָזט ניט שלאָפן דער הוסט.

ס'לויפט אום דער מייסטער, אַ חיה אַ ווילדע,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאָף.
אָ, ווי לאַנג וועט איר וואַרטן, ווי לאַנג וועט איר דולדן,
אַרבעטער ברידער, וואַכט-אויף.

BRIDER MIR HOBN GESHLOSN A FARBAND

Tekst: SARAREVIS



ברידער, מיר האָבען געשלאָסן

פון מ. סארעריוועס

אָ, ברידער מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד.
מיר שטייען אין שלאַכט ווי גענאָסן
די פאָנע די רויטע אין האַנט.

און טרעפט דיר אַ קויל, מיין געטרייער,
אַ קויל פון דעם שונא — דעם הונט,
איך טראָג דיך אַרויס באַלד פון פייער
און הייל דיר מיט קושן די וואונד.

און ביזטו געפאַלן אַ טויטער,
די אויגן, די ליפּן פאַרמאַכט,
איך וויקל דיך איין אין דער פאָנע דער רויטער
און וואַרף זיך אין בלוטיגער שלאַכט.

ES RIRT ZICH



עס רירט זיך

פון מ. ווינטשעווסקי

הערט, איר קינדער, ווי עס רירט זיך,
ווי עס רירט זיך איבעראַל?
ווי דער אַרבעט-מאַן מושטירט זיך
צו דעם קאַמף מיט קאַפּיטאַל?

צו דעם טויט-קאַמף מיטן שינדער,
מיטן גביר, דעם געלט-טיראַן.
הערט איר ווי עס רירט זיך, קינדער,
דער באַרויבטער אַרבעט-מאַן.

הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיך,
מערקט איר, אַז דער סוף קומט אָן?
פאָרווערטס, קינדער, און מאַרשירט זיך,
לוסטיג ביי דער רויטער פאָן!

פרייהייט איז דער הערציער צינדער
אָן טרומייט און באַראַבאַן.
זיינע ברידער זעט איר, קינדער,
גייט באַפרייען דער אַרבעט-מאַן.

YIDN SHMIDN

Tekst: M. BRODERZON Muzik: ALBERT BITTER



אידן שמידן

ווערטער: מ. בראָדערזאָן מוזיק: אַלבערט ביטער

אידן שמידן זינגען, זינגען איז דער עיקר;
גליען פייער צונגען, שפריצן פייער שטיקער.

היי, היי, וואויל דעם שמידער,
וואויל איז אים און גוט;
וואויל איז אים און גוט;
היי, היי, שטאָל און אייזן גלידער
צינדן אָן דאָס בלוט, צינדן אָן דאָס בלוט.

נויט און צרות בליען, טויט און הונגער וואַקסן.
דאַרף מען איבערשמידן שטאָל אויף נייע אַקסן.

היי, היי, וואויל דעם שמידער...

אידן־ריזן־שמידן, שטאַרק ווי שטאָל און אייזן.
אָט אַזעלכע אידן וועלן וואונדער נאָך באַווייזן.

היי, היי, וואויל דעם שמידער...

MAIN RUE PLATZ

Tekst: M. ROSENFELD



מיין רוע־פּלאַץ

פון מ. ראָזענפעלד

ניט זוך מיך וואו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ;
וואו לעבנס וועלקן ביי מאַשינען,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו די פויגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך, וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ.

ניט זוך מיך וואו פאָנטאַנען שפּריצן!
געפינסט מיך דאָרטן ניט מיין שאַץ;
וואו טרערן רינען, ציינער קריצן,
דאָרטן איז מיין רוע פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט וואַרער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ!
און הייטער אויף מיין האַרץ די טריבע,
און מאַך מיר זיס מיין רוע פּלאַץ.

DI TZAVOE

Tekst: D. EDELSHTAT **Folk Motiv**



די צוואה

וווערטער: דוד עדעלשטאַט פּאָלקס מאָטיוו

אָ גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָן,
די פרייהייט פאָן מיט רויטע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטס-מאַן.

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען
אין לעצטן קאַמף פון נויט און שמערץ,
צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין הארץ.

FARMUTSHET IN FINSTERER TFISE

Yidish: A. KOVNER



פאַרמוטשעט אין פינסטערער תפיסה

פון רוסיש

אידיש: א. קאָוונער

פאַרמוטשעט אין פינצטערער תפיסה,
אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער מאַכט,
באַגעגנט דעם טויט האָסטו העלדיש
ביסט ערלעך געפאַלן אין שלאַכט.

ניין, שנאה האָט בלויז אונז געוואָרגן,
געטריבן אין שלאַכט האָט אונז מוט —
ביים קבר מיר האָבן געשוואוירן
באַצאָלן דעם פיינט פאַר דיין בלוט.

פאַר אונז איז נאָר איין וועג דאָ — דיינער
ווי דו זיין אין תפיסה פאַרשמאַכט,
אַ לעבן אַלץ שטרייטן, אַלץ קעמפן
און פאַלן, ווי דו פאַר דער זאַך.

SHPINGE DEGINGE

Tekst: I. ROSENBERG **Muzik: ALBERT BITTER**



שפּינגע דעגינגע

ווערטער: י. ראָזענבערג   מוזיק: אַלבערט ביטער

שפּינגע דעגינגע, שפּינגע דעגינגע.
אַט אַזאַ לידל — ט'מיין טאַטע געזונגען
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

שפּינגע, דעגינגע, שפּינגע, דעגינגע.
אַט דעם ניגן קען מען פריילעך און אויך אומעטיק זינגען.
שפּינגע, דעגינגע, שפּינגע, דעגינגע,
אַט אַזאַ לידל — ט'מיין טאַטע געזונגען

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

איז אין שטוב ניטאָ קיין ברויט — אוי, אוי, אוי
געסטראַשעט האָט די נויט. — אוי, אוי, אוי
ניטאָ אַף דירע געלט, — דירע געלט
האָט אַ קלייד, אַ שוך געפעלט, — שוך געפעלט.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.
שפּינגע, דעגינגע...

איז אַ קינד געוועזן שלאָף — אוי, אוי, אוי
האָט אויסגעפּעלט אין לעמפּל נאַפט — אוי, אוי, אוי
ט'אַ־פאַרדינסטל זיך געמאַכט — יאָ געמאַכט
קיין גראָשן ניט געבראַכט — ניט געבראַכט.

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.
שפּינגע, דעגינגע...

דער טאַטע איז ניטאָ מער — אוי, אוי, אוי
זינג איך פּונקט ווי ער; — אוי, אוי, אוי
קיין געלט מיר ניט געלאָזט — ניט געלאָזט
נאָר אַט דעם ניגן פּראָסט. — אוי, ווי פּראָסט,

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.
שפּינגע, דעגינגע...

DRAI NEITERENS

Tekst: L. PERETZ



דריי נייטאָרנס

פון י. ל. פּרץ

די אויגן רויט, די ליפּן בלוי,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס באַדעקט מיט שוויים,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען...

די נאָדל — בלאַנק, דער לייוונט — שניי,
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי ביי טאָג, איך ניי באַנאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט,
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ,
איך שטעפּ מיר אוים נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — ער ברענט, די שליך — זי האַקט,
און די מאַשין קלאַפּט צו צום טאַקט:
טאַ־טאַ און טאַ־טאַ און טאַ־טאַ!

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד,
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך...
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים ניט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!...
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט
איך וועל שלאָפן, שלאָפן...

BIN ICH MIR A SHNAIDERL

Baar: J. SCHAEFER



בין איך מיר אַ שניידערל

בין איך מיר אַ שניידערל,
בין איך מיר אַ שניידערל,
לעב איך מיר טאָג אוים — טאָג איין
לוסטיק, פריילעך, פיין.

— זאָג מיר שניידערל ליבינקער און גוטער,
גיט דיר די נאָדל גענוג אף ברויט מיט פוטער?
— איך מאַך אַ וואָך צוויי גילדן מיט אַ דרייער,
איך עס נאָר ברויט ווייל פוטער איז צו טייער.

בין איך מיר אַ שוסטערל,
בין איך מיר אַ שוסטערל,
לעב איך מיר טאָג אוים, טאָג איין
לוסטיק, פריילעך, פיין.

— זאָג מיר שוסטערל האָסטו וואָס צו קייען?
פעלט דיר אויסעט, — קריגסטו וואו צו לייען?
— קיינער לייט נישט, קיינער גיט קיין ערבות, (אָרוועס)
איך בין אַ שוסטער, גיי איך טאַקע באָרוועס.

ICH TU DIR A BRIVELE SHRAIBN



איך טו דיר אַ בריוועלע שרייבן

פֿאָלק־ליד

איך טו דיר אַ בריוועלע שרייבן,
און שרייבן שרייב איך דיר מאַמע פֿון מיין געזונט.
אוי, אַ האַנט האָט מען מיר אַראָפּגענומען
און אױף מיינע אויגן בין איך, מאַמעניו, בלינד.

איך ליג מיר און באָלניצע געראַנעט
און די דאָקטוירים שטייען אַרום מיר
און דאָס האַרץ ווערט מיט בלוט אָפּגעגאָסן,
און די געטרייע מוטער איז ניטאָ לעבן מיר.

BAITJE MIR OIS A FINF UN TZVANTZIKER
(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



בייט זשע מיר אויס אַ פינף-און-צוואַנציגער
(פון סאָוועטישן בוך „אידישע פאָלקס־לידער")

בייט-זשע מיר אויס אַ פינף-און-צוואַנציקער
אַף סאמעראָדנע דרייער,
און שפּילט-זשע מיר קלעזמאָרימליך,
אַ לידעלע אַ טייער!

רימטשי, רימטשי, רימטשי, רימטשי,
רימטשי, רימטשי, רימטשירים!

און בייט-זשע מיר אויס אַ פינף-און-צוואנציקער
אַף סאַמע ראָדנע פירער,
און שפּילט-זשע מיר, קלעזמאָרימלעך,
די זעלביקע, וואָס פריער!

רימטשי, רימטשי, א. א. וו.

און בייט-זשע מיר אויס אַ פינף-און-צוואַנציקער
אַף סאַמעראָדנע צענער
און שפּילט-זשע מיר קלעזמאָרימלעך
דאָס זעלביקע נאָך שענער!

רימטשי, רימטשי, א. א. וו.

BA MAIN MAMEN



ביי מיין מאַמען

פון אַלבום פאָלקס לידער

ביי מיין מאַמען בין איך געווען
חשוב און טייער, חשוב און טייער
אַזוי ווי באַ אַן אָרימאַן אַן איינציקער דרייער.

אַז אָך און וויי, אוי וויי צו מיינע יאָרן,
צו וואָס האָב איך באַדאַרפט פון דער היים אַוועקצופאָרן.

איך זאָג דער באַלעבאָסטע:
— גיט מיר עפּעס עסן, גיט מיר עפּעס עסן!
זי דרייט זיך, זי דרייט זיך
זי מיינט איך וועל פאַרגעסן. אַ זאָך און וויי . . . . .

איך זאָג דער באַלעבאָסטע:
— גיט מיר כאָטש טייגלעך, גיט מיר כאָטש טייגלעך!
זי דרייט זיך, זי דרייט זיך
זי מאַכט זיך אַ ביסל טויבלעך. אַז אָך און וויי . . . . .

די באַלעבאָסטע גיט מיר עסן
זאָגט זי: עס און געדענק
און אין הארצן טראַכט זי זיך —
עסן זאָלסט אַ קרענק. אַז אָך און וויי . . . . .

EIDER 'CH'LEIG MIR SHLOFN



איידער כ׳לייג מיך שלאָפן

אַ פאָלקס ליד

איידער כ׳לייג מיך שלאָפן,
דאַרף איך שוין אויפשטיין
מיט מיינע קראַנקע ביינער
צו דער אַרבעט גיין.

צו גאָט וועל איך וויינען
מיט אַ גרויס געוויין:
צו וואָס איך בין געבוירן
אַ נייטאָרן צו זיין!

כ׳קום שפעט צו דער אַרבעט
ס׳איז ווייט דער וועג —
שלאָגט מען מיר אָפּ
פאַר האַלבע טעג.

צו גאָט וועל איך וויינען . . .

נאָדלען ווערן צעבראָכן
פופצן אַ מינוט
די פינגער ווערן צעשטאָכן
ס׳רינט פון זיי דאָס בלוט.

צו גאָט וועל איך וויינען . . .

HOP DUNAY DUNAY



האָפּ דונאַי-דונאַי

(פאָלקס-ליד באַארבעט פון יעקב שייפער)

די באַלעבאָסטע גייט אַריין. האָפּ! דוניי! דוניי!
כעוורע, כעווורע, שטיל זאָל זיין . . . האָפּ! דוניי! דוניי!

די באַלעבאָסטע שטייט און קוקט, האָפּ! . . .
כעווורע, כעווורע אַרבעט גוט, האָפּ! . . .

די באַלעבאָסטע שטייט אין קיך. האָפּ! . . .
כעווורע, כעווורע, וואַרפט די שטיך. האָפּ! . . .

די באַלעבאָסטע שטייט אין זאַל. האָפּ! . . . .
ס'ווערט אין איר צעזעצט די גאַל. האָפּ! . . .

די באַלעבאָסטע קויפט סחורה. האָפּ! . .
עס זאָל איר זיין מכות בכורות. האָפּ! . . .

די באַלעבאָסטע שטייט אין טיר. האָפּ! . . .
כעווורע, כעווורע, אַ מכה איר. האָפּ!

די באַלעבאָסטע שטייט אף דער שוועל. האָפּ! . .
עס זאָל פון איר ווערן אַ טעל. האָפּ! . . .

די באַלעבאָסטע גייט אַרויס. האָפּ! . . .
כעווורע, כעווורע, לאַכט זי אויס!
האָפּ, דוניי, דוניי!

NEMT ZICH TUENOIF



נעמט זיך צונויף, אוי, שוועסטער און ברידער

(פון בערעגאָווסקיס זאַמלונג)

נעמט זיך צונויף, אוי שוועסטער און ברידער,
וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין,
אַז מיר אַרבעטן פון אַכט ביז צען,
האָרעווען מיר גאָר אומזיסט.
און אַז מיר אַרבעטן פון אַכט ביז זעקס,
וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין.

אַ סאָבראַניע האָבן מיר זיך סאָביראַיעט
און אַ שפּיאָן האָט אונז דערזען.
מיט גרויס פּאַראַד האָט מען אונז פאַרנומען
גלייך צום ספּראַווניק, אוי, אַהיים.

פּריקאַזאַניעס האָבן מיר אָנגעגעבן.
אָפּגעלאָזט האָט מען אונז היים,
אָפּגעלאָזט האָט מען אונז היים.
דעם עלטסטן ברודער פון אונז ניט,
מיר דאַרפן זען פאַר אים גיין
ביז דער לעצטער קאַפּליע בלוט.

IN DER KUZNE



אין דער קוזניע

אין דער קוזניע ביי דעם פֿייער
שטייט אַ שמידער און ער שמידט,
ער קלאַפּט דאָס אייזן, פֿונקען פֿייער פֿליען
און ער זינגט דערביי אַ ליד.

פֿון דער פֿרייהייט, וואָס וועט קומען,
זינגט ער מוטיק, זינגט ער הייס,
און פֿילט ניט ווי אַזוי עס רינען
פֿון זיין פּנים טייכן שווייס.

און די ערד באַצירט מיט בלומען
זינגט ער ווייטער, זינגט זיין ליד,
אָפּגעקילט איז שוין דאָס אייזן
און ער קלאַפּט און ווערט ניט מיד.

VEI VOS FUN MAIN MANTL IZ GEVORN



וויי, וואָס פֿון מיין מאַנטל איז געוואָרן

האָב איך מיר אַ מאַנטל פֿון פֿאַרצייטיקן שטאָף
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ,
האָט ער ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ,

דאַרום האָב איך זיך באַטראַכט
און פֿון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ,
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ,
און פֿון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט.

פֿון רעקל — אַ וועסטל
פֿון וועסטל — אַ היטל
פֿון היטל — אַ קעשענע
פֿון דער קעשענע — אַ קנעפּל.

S'VET ZICH YIDISH BLUT NIT GIS'N

Tekst: I. RONTCH **Muzik: G. SUNSHINE**



ס'וועט זיך אידיש בלוט ניט גיסן

ווערטער: י. ראָנטש מוזיק: ג. סאַנשיין

ס'וועט זיך אידיש בלוט ניט גיסן
אין לאַנד פון די סאָוועטן.
נאָר וועלט פון פרייהייט וועט באַגריסן
די ערד, וואָס זיי באַטרעטן.

אַראָפּ דער דורות-לאַנגער טרויער,
דער שימל און די וואונדן.
אויף בירא פעלד האָט איד — דער פויער —
דעם מאָרגן אָנגעצונדן.

בירא-בידזשאַן איז אויס לעגענדע,
נאָר לאַנד פון פּיאָנערן.
אַן ענטפער צו די וויסטע לענדער
פון קאַפּיטאַל און טרערן.

ס'וועט זיך אידיש בלוט ניט גיסן
אין לאַנד פון די סאָוועטן.
איז לאָמיר פריידיג איצט באַגריסן
די ערד, וואָס זיי באַטרעטן.

BIRO-BIDJAN
(melodie fun Sovetishn film "Biro-Bidjan")



בירא-בידזשאן

פון סעם ליפצין

אהא, אהא,

סאוועטנמאכט האט לאנד געגעבן,
בויט דער איד א נייעם לעבן.

בירא-בירא, בירא-בירא,
בירא-בירא, בירא-בידזשאן. (2 מאל)

ער שטיצט זיך ניט אויף וואנדער-שטעקן —
עס זעט די מאכט פאר אלץ זאל קלעקן. — צוזינג

לאכט דער איד פון מעקלער, פאקטאר,
זיצט ביים רעדל, טרייבט א טראקטאר. — צוזינג

שניידט ער ברעטער, שניידט ער זאנגען,
זינגט די יוגנט זיג-געזאנגען. — צוזינג

אייגן מילך און אייגן קארן,
פילט דער איד ווי ניי געבארן. — צוזינג

בליען וועגן, וואקסן גאסן,
אויסגעוואָרצלט האס פון ראסן. — צוזינג

מנחם-מענדלס טאנצן כוואטסקע
מיט קאזאקן — א קאזאצקע. — צוזינג

FORN YIDN

N. GEDALIN | S. POLANSKY



פאָרן אידן

נ. גדאַלין

מוזיק: ס. פּאָלאַנסקי

פאָרן אידן אין אַ בלאָטע,
נעצן איין זיי די קאַפּאָטע,
אָבער זינגען, זינגען זיי:
— שוין געשניטן קאָרן היי.

פאָרן אידן אין אַ רעגן,
ס׳קריפּן מיט די שווערע וועגן,
אָבער זינגען, זינגען זיי:
— זיין וועט תבואה אָט אַזוי.

A GUT MORGEN DIR HERSH DAOID



אַ גוט-מאָרגן דיר, הערש-דוד

געזאַמעלט פון בען יאָמען — אַ פֿאָלקס-ליד

אַ גוט מאָרגן דיר, הערש דאָוויד,
אַ גוט מאָרגן ברוך.
כ'האָב געהערט דו האָסט מיט מזל
אויספאַרקויפט דעם צוואָראָך.

ניט דעם צוואָראָך, נאָר דאָס מילכיקס
אויספאַרקויפט אינגאַנצן
אבי דאָס געלט איז דאָ אין בייטל
ווילט זיך טאַקע טאַנצן.
איידו דידל די היידי היידי

יאָ, הערש דאָוויד, וואָס מאַכט דיין ווייבל,
כ'מיין דיין שרה-חיה ?
עך, מיין שרה'לע, זי שיינט זיך
לויט די מאָדעם נייע.

אויסגעטאָן דאָס אַלטע שייטל
נאַרישקייטן אינגאַנצן
אבי דאָס לעבן איז געזיכערט
ווילט זיך טאַקע טאַנצן.
אײדי דידל די היידי היידי.

איך האָב אַ מויד אַ כשר'ע טאָכטער,
דו אַ זון אפרים.
טאַ לאָמיר ביידע שרייבן תנאים.
טרינקען אַ לחיים.

כאַ, כאַ, כאַ צוויי מאות זילבער
גיב איך זיי אינגאַנצן
איבער פעלדער, איבער וועלדער
וועלן אידן טאַנצן.
אײדי דידל די היידי היידי.

AZ MEN FORT KAIN SEVASTOPOL

(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



אַז מען פֿאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל

(פֿון סאָוועטישן בוך „אידישע פֿאָלקס־לידער“)

אַז מען פֿאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל,
איז ניט ווייט פֿון סימפֿעראָפּאָל,
דאָרטן איז אַ סטאַנציע פֿאַראַן.
ווער דאַרף זוכן נייע גליקן?
ס'איז אַ סטאַנציע אַן אַנטיקל
אין דזשאַנקויע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

היי, דזשאַן, היי, דזשאַנקויע,
היי, דזשאַנווילי, היי, דזשאַנקויע,
היי, דזשאַנקויע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן.

ענטפערט, אידן, אויף מיין קשיה
וואו ז'מיין ברודער, וואו ז'אבראשע —
ס'גייט ביי אים דער טראקטאר ווי א באן.
די מומע לאה ביי דער קאסילקע,
ביילע ביי דער מאלאטילקע,
אין דזשאנקויע, דזשאן, דזשאן, דזשאן.

היי, דזשאן . . .

ווער זאגט, אז אידן קאנען נאר האדלען,
עסן פעטע יויך מיט מאנדלען,
נאר ניט זיין קיין ארבעט-מאן,
דאס קאנען זאגן נאר די שונאים, —
אידן, שפייט זיי אן אין פנים,
טוט א קוק אף דזשאן, דזשאן, דזשאן.

היי, דזשאן . . .

SIMCHE MIT ZAIN YIDENE

Tekst: YOSL CUTLER



שמחה מיט זיין אידענע

פון יאָסל קאָטלער

שמחה האָט געאַרבעט
באַ שלעסער פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך אַרבעט:
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.
דיידא, די דיידא, די דיידא, דידאַ

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין שלעסער —
האָט ער באַקומען אַ פּלאַץ
צו קאַטשען פעסער.

פעסער און פעסלעך
אַלע פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך פעסער:
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין פעסער —
האָט ער אויסגעזוכט אַ שטעלע
און געוואָרן אַ פרעסער.

האָט ער געפּרעסט און געביגלט
קליידער פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך אַרבעט:
האָט אים געביגלט די אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ וואָס צו פּרעסן —
איז ער געזעסן ליידיק,
נישט געהאַט וואָס צו עסן.

האָט ער געהונגערט און געקרעכצט
מיט זיפצן פאַרשידענע,
איז געווען אַ סך קרעכצן:
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

זענען געקומען די פריעסט
מיט די ווינטן פאַרשידענע —
האָט אים דער לענדלאָרד אַרויסגעזעצט
אין גאַס מיט דער אידענע.

האָט ער געצאָרנט מיט שנאה,
אַף די באָסעס פאַרשידענע,
און אָנפּאַטשן דעם לענדלאָרד —
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

SHMULIK GAVRILIK
(fun di ershte Yidishe Teater Lider in Amerike)



שמוליק גאווריליק

(פון די ערשטע אידישע טעאטער לידער אין אמעריקע)

שמוליק, גאווריליק, כאווייריםלעך צוויי,
שפילן זיך ביידע קיין גלייכן צו זיי —
אין פערדלעך, מיט שווערדלעך,
אין זאמד און אין ערד,
שמוליק דער שמייסער —
גאווריליק דער פערד.

שמוליק, גאווריליק, זיי וואַקסן זיך אוים
ליגט זיי אין זינען אַמעריקע איז גרוים.
געקומען צו שווימען
צו דער גאָלדענער ערד —
שמוליק דער שמייסער,
גאווריליק דער פערד.

שמוליק, גאווריליק אין גאָלדענעם לאַנד
שמוליק אַ באָסל, גאווריליק זיין האַנט.
שמוליק אין הימל,
גאווריליק אין דער ערד —
שמוליק בלייבט שמייסער,
גאווריליק בלייבט פערד.

שמוליק, גאווריליק, קיין פריינט שוין ניט מער
שמוליק אַ לענדלאָרד, אַ יאַכסן איז ער.
גאַווריליק זיין שכן אין בעיסמענט, אין דער ערד —
שמוליק בלייבט שמייסער,
גאַווריליק דער פערד.

שמוליק, גאווריליק, כאַוויירימלעך צוויי,
שפילן זיך ביידע קיין גלייכן צו זיי —
אין פערדלעך, מיט שווערדלעך,
אין זאַמד און אין ערד,
שמוליק דער שמייסער —
גאווריליק דע רפערד.

'CHOB A BIZNE

ZUNI MAUD **ALBERT BITTER**



כאָב אַ ביזנע

פון זוני מאָוד — מוזיק: אַלבערט ביטער

מיט מיין ביזנע אָט בין איך
פרעגט בעכיירים: וואָס איך פאַרדין
האנדל איך מיט אָך און וויי — (2 מאָל)
מיט אַנטיקן אַלערליי.

זייד אַנטיקן, גאָלד אַנטיקן
און אַנטיקן קופּערשטיקן
און אַ שניפּסל אַן אַנטיק —
פאַר אַ ניקעל אַ שטיק.

2 מאָל

צולייזן וויל ניט קיינער געבן —
טאָ וויזשע מאַך איך אייך אַ לעבן?
וואָזשע שלעפּ איך זיך דערמיט? (2 מאָל)
אַז קיינער האַרף ניט גאָרנישט ניט

זייד אַרטיקן . . .

מיט ברעקפעסט לעב איך מיר בשלום
אָפטער עס איך עס אין חלום.
עס איך יאָ צו עס איך ניט — (2 מאָל)
אבי איך האָב מיר אַפּעטיט

זייד אַנטיקן . . .

לויפן וואָכן, שווינדן יאָרן,
אַ האַלבן לעמבן אָפּגעפאָרן
בלייב איך שטיין און קוק זיך אום: (2 מאָל)
וואָזשע דריי איך זי דאָרום?

זייד אַנטיקן . . .

A BORVESER YUNG FUN DI BLOTES

I. FEFER

S. POLANSKI



אַ באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס

ווערטער: איציק פעפער...

מוזיק: ס. פאלאנסקי

1

טוט אַ קוק אפן שטיבל וואָס שטייט דאָרט נית ווייט,
ווער האָט עס געבויט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס מיט ליים און מיט ציגל באַנייט? —
אַ באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס.

2

טוט אַ קוק אפן פערדל, וואָס טאַנצט דאָרט אַליין,
ווער האָט עס געפּאַשעט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס געמאַכט אַזוי יונג, אַזוי ריין?
אַ באָרוועסער יונג פון די באָטעס.

3

טוט אַ קוק אפן ברויט, וואָס איז היימיש און פריש,
ווער האָט עס פאַרזייט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס פון פעלדער געבראַכט אפן טיש?
אַ באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס.

FORN FORSTU FUN MIR AVEK



פאָרן פאָרסטו פון מיר אַוועק

פון בערעגאָווסקים זאַמלונג

— פאָרן פאָרסטו פון מיר אַוועק, טייער לעבן מיינס,
פיל טייכן טרערן טועז פון מיר גיסן.
אוי, העלף־זשע מיר שוין גאָטעניו,
זאָלסט אַרויס פון קייסער׳ס הענט,
מיר זאָלן שוין קענען פון אַ חתונה שמועסן.

וואָס־זשע האָסטו מיר אַזוינס אָפּגעטאָן, טייער לעבן מיינס,
וואָס מיין האַרץ ציט אַזוי צו דיר, צו דיר?
— איך האָב דיר גאָרניט אָפּגעטאָן, טייער לעבן מיינס,
איך האָב זיך פשוט איינגעליבט אין דיר.

FUN VANEN HOIBT ZICH ON A LIBE

(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



פון וואַנען הייבט זיך אָן אַ ליבע

אַ פאָלק ליד

פון וואַנען הייבט זיך אָן אַ ליבע?
פון רעדן, פון שמועסן, פון לאַכן.
אונדזער ליבע האָט זיך אָנגעהויבן
גאָר פון אַנדערע זאַכן.

דאָרטן גייען זיך פאַרעלעך צוויי,
דאָרטן גייען זיך פאַרעלעך צוויי,
ליבן ליבן זיי זיך זייער —
ס'איז ניטאָ קיין גלייכן צו זיי.

—גענוג שוין מיט מיר צו רעדן,
גענוג שוין מיט מיר צו שמועסן,
פיר מיך שוין אַפּ אַהיים
דער טאַטע וועט די טיר פאַרשליסן.

— אַ היים, לובטשו וועל איך דיך אָפּפירן,
באַם גלעקעלע וועסטו אָנקלינגען,
אַ ליד וועל איך פון אונדז ביידן מאַכן,
די גאַנצע וועלט זאָל פון אונדז זינגען.

A LEITERL TZUM HIML



אַ לייטערל צום הימל

אַ פֿאָלק ליד

—אַ לייטערל צום הימל וועל איך שטעלן
און וועל אַרויפֿקריכן צו גאָט,
איינע צוויי ווערטער, אוי וועל איך באַ אים פֿרעגן,
פֿאַרוואָס מיין ליבער דאַרף זיין אַ סאָלדאַט, אוי-אוי-אוי!

— קיין לייטערל צום הימל וועסט ניט שטעלן
אַ סאָלדאַט וועל איך בלייבן סיי־ווי־סיי,
נאָר ניעווזשעלי ביסטו אַזאַ מיין מיידל,
זאָלסט אױף מיר ניט וואַרטן אַ יאָר דריי, אוי-אוי-אוי!

— דריי יאָר וועל איך אױף דיר וואַרטן,
אַפֿילע צען יאָר אויך קעדיי.
נאָר דו אַליין, דו ווייסט דעם גאַנצן עמעס,
ווי אַזוי ס'איז שווער צו נייען שניידעריי, אוי-אוי-אוי!

TUMBA TUMBA

(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



אפן אויוון זיצט אַ מיידל

אפן אויוון זיצט אַ מיידל, טומבאַ, טומבאַ, באַ.
און זי העפט אַ ווייסע קליידל, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

איז אַ בחור אָנגעפלויגן, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
ז'האָט דעם פאָדעם אָפּגעצויגן, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

— איי דו בחור, איי, דו פייער, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
ס'וועט דיך קאָסטן זייער טייער, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

כ'וועל ניט פרעגן דיך פון וואַנען, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
כ'וועל ניט אָפּלאָזן פון דאַנען, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

ניט מיט שטריק וועל איך דיך פענטען, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
נאָר מיט מיינע ווייסע הענטלעך, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

כ'וועל דיך האַלדזן, כ'וועל דיך ליבן, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
איז דער בחור דאָרט פאַרבליבן, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

אפן אויוון זיצן צווייען, טומבאַ, טומבאַ, באַ,
ניט זיי העפטן, ניט זיי נייען, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

MECHUTENESTE MAINE
(fun Sovetishn Buch "Yidishe Folks Lider")



מעכוטענעסטע מיינע
אַ פאָלק ליד

מעכוטענעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
אוי לאָמיר זיין אַף אייביק מעכוטאָנים!
איך גיב אייך אַוועק מיין טאָכטער פאַר אַ שנור,
זי זאָל ביי אייך ניט אָנווערן דאָס פּאָנעם.
מעכוטענעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
מיין קינד זאָלט איר פרי ניט וועקן;
און טאָמער וועט איר זען אַן אוולע אַף מיין קינד,
ווי אַן אייגענע מאַמע זאָלט איר דאָס פאַרדעקן.
מעכוטענעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
אַף קינדער האָבן טוט מען בלוט פאַרגיסן;
און טאָמער וועט איר זען, אַז דער זון האָט ליב די שנור,
זאָל עס אייך גאָרניט פאַרדריסן.
מעכוטענעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
איך פאָר צו אייך מיט אַ פאַריקל;
טאָמער וועט איר זיין אַ שלאַק, אַ בייזע שוויגער,
בין איך אויך אַ שנורל און אַנטיקל.

BA MAIN MAMES HAIZELE



באַ מיין מאַמעס הייזעלע

געזאַמלט פון י. ל. כהן

באַ מיין מאַמעס הייזעלע, הייזעלע,
בין איך מיר געשטאַנען (2)
אַך מיין טייער לעבן,
איז פאַרבייגעגאַנגען!

מיט די בלויע אייגעלעך, אייגעלעך
מיט די בלאָנדע האָר (2)
כ'האָב געמיינט אַז וואָס ער רעדט
איז דאָך אַלץ וואָר.

כ'האָב געמיינט, אויף זיינע רייד, אויף זיינע רייד
קען מען שטעלן מויערן (2)
ער האָט דאָך מיר אַזוינס געטאָן
אַז איך מוז נאָר וויינען און טרויערן.

אַך ווייי מאַמעשי מאַמעשי!
מאַמעשי איך פאַל! (2)
זינט איך האָב אָנגעהויבן אַ ליבע פירן,
פלאַצט אין מיר די גאַל.

AF A SHTEINDL ZITZ ICH MIR



אַף אַ שטיינדל זיץ איך מיר

אַ רוסיש פֿאָלק ליד — אידיש: פֿאָמעראַנץ

אַף אַ שטיינדל זיץ איך מיר
און אַ העקל האַלט איך מיר,
איי לי איי ליו לי און אַ העקל האַלט איך מיר.

ס'איז אַ האַק אין האַנט באַ מיר
שניץ איך שטעקעלעך פֿאַר דיר,
איי לי איי ליו לי שניץ איך שטעקעלעך פֿאַר דיר.

אין אַ גאָרטן פֿלאַנץ איך
קעפּלעך קרויט פֿאַרזעץ איך,
איי לי איי ליו לי קעפּלעך קרויט פֿאַרזעץ איך.

ווער ס'האָט ניט פֿאַרפֿלאַנצט קיין קרויט,
איז מיין גאָרטן פֿאַר אים גרייט,
איי לי איי ליו לי איז מיין גאָרטן פֿאַר אים גרייט.

די קאַטשאַנעס זאַמל איין
לאָמיר ביידע גערטנער זיין,
איי לי איי ליו לי לאָמיר ביידע גערטנער זיין.

VU BISTU GEVEN



וואו ביסטו געווען

אַ פאָלק ליד

וואו ביסטו געווען,
אַז געלט איז געווען,
און דער נדן איז געלעגן אפן טיש?
היינט ביסטו דאָ,
אַז קיין געלט איז נישטאָ,
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.
וואו ביסטו געווען,
אַז יוגנט איז געווען,
און דאָס לעבן איז געווען צוקער זיס?
היינט ביסטו דאָ,
אַז די האָר זיינען גראָ,
און דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי מיאוס.
וואו ביסטו געווען,
אַז יוגנט איז געווען
און דאָס האַרץ האָט מיט ליבע געברענט?
היינט ביסטו דאָ,
אַז דער קאָפּ איז שוין גראָ,
און עס ציטערן באַ מיר שוין די הענט.

A LIBE SHPIL
DRAGAMIROFF



אַ ליבע שפּיל
פון דראגאמיראָוו

דאָרט אין דערפל הינטערן מיל
פלאַקערט אויף אַ ליבע שפּיל
טרו — דא נו — דא כאַ־כאַ־כאַ
וואַנקע זיצט מיט טאַנקען שטיל.

ביידע זיצן שטילערהייד
רעדט אים טאַנקע ליבע רייד
טרו — דא נו — דא כאַ־כאַ־כאַ
אוי אַ גדולה אוי אַ פרייד.

זינג־זשע ברודער זיי ניט פויל
זינג־זשע מיט אַ פולן מויל
טרו — דא נו — דא כאַ־כאַ־כאַ
אַט איז מיט אַ פולן מויל.

כ׳נעם די דודע אַז איך וויל
וועסטו הערן ווי איך שפּיל
טרו — דא נו — דא כאַ־כאַ־כאַ
קלינגט אַ לידל הינטערן מיל.

A BRIV
(Folkstimlech)



אַ בריוו

ווערטער: וואָלף יונין　　　　　מוזיק: בען יאָמין

(פאָלקסטימלעך)

דורכן רוישיקן וואַלד פליסט אַ פריילעכער טייך —
אויפן פריילעכן טייך שווימט אַ שיפל.
אויפן פריילעכן טייך שווימט אַ שיפל.
פון מיין ליבסטן וואָס וואוינט אין דער גרויסענער שטאָט
האָב איך היינט באַקומען אַ בריוול.

טראַלאַ-לאַ-לאַ לאַלאַ, טראַלאַ-לאַ-לאַ לאַ-אַ-אַ,
פון מיין ליבסטן וואָס וואוינט אין דער גרויסענער שטאָט
האָב איך היינט באַקומען אַ בריוול.

כ׳האָב אים איבערגעלייענט שוין געווים אַ מאָל צען
און ס׳קלאַפּט מיר אין האַרץ, ווי צען פּייקלעך.
און ס׳קלאַפּט מיר אין האַרץ, ווי צען פּייקלעך.
ער שרייבט, אַז ער קומט דאָ אַרונטער מיך זען,
אויפן גראָז, אויפן ווילדן — זיך קייקלען.

טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ — ער שרייבט . . .

אין דעם רוישיקן וואַלד לויפן ווינטלעך אַרום
און פּאַטשן מיט בלעטעלעך בראַוואָ.
און פּאַטשן מיט בלעטעלעך בראַוואָ.
זיי האָבן געהערט פון מיין בריוו, אַז עס קומט
צו מיר באַלד צופאָרן מיין חבר.

טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ — זיי האָבן געהערט . . .

ס׳האָט אַ כוואַליע אין טייך אַזוי מאָדנע געלאַכט —
וואָס זאָל איר לאַכן באַדייטן?
וואָס זאָל איר לאַכן באַדייטן?
צי טראַכט ניט אַמאָל מיין ליבסטער: היינט נאַכט
קומען אויף וואָלקנס צורייטן.

טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ — צו טראַכט ניט . . .

A LIBE IN MAIN GORTN

Tekst: N. BIALIK **Muzik: ALBERT BITTER**



אַ ליבע אין מיין גאָרטן

ווערטער: ח. נ. ביאַליק מוזיק: אַלבערט ביטער

אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם
מיט אַן עמער זיך געפונען,
אַלע שבת קומט דעריבער,
טרינקען וואַסער דאָרט מיין ליבער.

ווי מיין האַרץ, דער עמער וואַכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונעם זאַכט;
טריפט אַ פערל, טריפט אַ צווייטער —
אָט־אָ גייט ער, אָט־אָ גייט ער.

אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם . . .

שאַ, מיר דוכט עס קלינגען טריט . . .
איז דאָס ער? — און אפשר ניט?
גיכער, גיכער! קום מיין שיינער!
כ'בין אַליין און ווייטער קיינער . . .
אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם . . .

זעצן מיר זיך דאָ ביים וואַנט
קאָפּ צו אַקסל, האַנט אין האַנט . . .
כ'וועל דיך פרעגן אַ פּאָר זאַכן
זאָלסט איך בעט דיך נאָר ניט לאַכן.
אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם . . .

זאָג פון וואַנען קומט דער שמאַרץ
ווי אַ וואָרים נאָגט דאָס האַרץ? —
ס'האָט געהערט מיין מאַמע ריידן,
אַז דו ווילסט מיט מיר זיך שיידן.
אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם . . .

זאָגט מיין ליבער: גיי שוין, גיי,
שונאים זאָגן דאָס אַזוי; —
נאָך אַ יאָר אַז גאָט וועט וועלן,
וועלן מיר אַ חופּה שטעלן . . .
אין מיין גאָרטן האָט אַ ברונעם . . .

BALALAIKE



באַלאַלייקע

שטייט אַ בחור און ער טראַכט
טראַכט און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט;
וועמען צו נעמען און ניט פֿאַרשעמען
וועמען צו נעמען און ניט פֿאַרשעמען.

טום באַ-לאַ, טום באַ-לאַ, טום באַלאַלייקע
טום באַ-לאַ, טום באַ-לאַ, שפּיל באַלאַלייקע.

מיידל, מיידל, כ׳וועל בײַ דיר פֿרעגן:
וואָס קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן?
וואָס קען ברענען און ניט אויפֿהערן?
וואָס קען בענקען, וויינען אָן טרערן?

טום באַ-לאַ, א. א. וו.

נאַרישער בחור, וואָס דאַרפֿסטו פֿרעגן,
אַ שטיין קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן.
ליבע קען ברענען און ניט אויפֿהערן,
אַ האַרץ קען בענקען, וויינען אָן טרערן.

טום באַ-לאַ, א. א. וו.

SHTILER OVENT
(fun Rushish)



שטילער אָוונט
(פון רוסיש)

אָ קום שוין שטילער אָוונט
און וויג די פעלדער איין.
מיר זינגען דיר אַ לויב ליד
אָ, שטילע אָוונט-שיין.

ס'ווערט טונקעלער די לאָנקע
ס'קומט די נאַכט צוגיין.
די ווייסינקע בעריאָזקע
בלייבט שטיין אין וואַלד אַליין.

ווי שטיל עס איז געוואָרן,
ווערט די לופט שוין קאַלט.
זיין ליד האָט שוין פאַרענדיקט,
דער נאַכטיגאַל אין וואַלד.

A KRENETZE



אַ קרענעצע

א. פעפער
מוזיק: ס. פאָלאָנסקי

דאָרט וואו גראָזן זיינען נאַסער,
שטייט אַ קרענעצע פאַרטראַכט.
קומען מיידלעך ציען וואַסער
מיט די עמער אַלע נאַכט. (2)

אונטער זון ווי ווייסע בערן
וואַקסן טעג אין גרויסן סאַד.
און אין ווייטער שיין פון שטערן
טאַנצן יאַטן אין אַ ראָד. (2)

פון די סטעפּעס ווינטלעך בלאָזן
און אַ פייערל דערברענט,
גייען מיידלעך אויף די גראָזן
מיט די עמער אין די הענט. (2)

ווערט לבנה בלאַס און בלאַסער
ערגעץ פּויקט מען אין דער נאַכט,
דאָרט ווי גראָזן זיינען נאַסער
שטייט אַ קרענעצע פאַרטראַכט. (2)

ACH A LEBN DO



אַך, אַ לעבן דאָ

פון י. ל. כהן זאַמלונג

הויב איך מיך אויף
עס איז שוין זעקס דער זייגער,
גיב איך אַ קוק אין שפּיגעלע
דאָס פּנים ווי אַ פּייגער.

אַך, אַ לעבן דאָ,
הפקר ווי אַ שטיין.
ניטאָ קיין אַנדער האָפענונג,
נאָר העלפן זיך אַליין.

הויב איך זיך אויף
דער האָן גיט אַ קריי,
דאָס האַרץ איז מיר טרוקן —
ניטאָ קיין גלעזל טיי.
אַך, אַ לעבן דאָ . . .

נעם איך זיך צו דער אַרבעט
ניט מיט גרויס אַכאָטע.
שטעל איך זיך צו דעם וואַרשטאַט —
מאַכט מען מיך צו בלאָטע.
אַך, אַ לעבן דאָ . . .

VIG LID

Tekst: SHOLEM ALECHEM



שלאָף מיין קינד

טעקסט: שלום עליכם

שלאָף מיין קינד, מיין קרוין, מיין שיינער,
שלאָף-זשע, ליו-ליו-ליו!
שלאָף מיין לעבן, קדיש איינער,
שלאָף-זשע, זונעניו!

בא דיין וויגל זיצט דיין מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט.
וועסט אַמאָל פאַרשטיין מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אַמעריקע איז דער טאַטע
דיינער, זונעניו!
ביסט אַ קינד נאָך שלאָף לעת-עתה!
שלאָף זשע, ליו-ליו-ליו!

ער וועט שיקן צוואנציק דאלער,
זיין פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען — לעבן זאָל ער!
אונדז אַהינצו.

VIG LID

(Folk Lid)



אַ וויג-ליד

שלאָף, מיין קינד, שלאָף כסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד;
אַז דו מיין קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן אַן אונטערשיד.

אַז דו מיין קינד וועסט עלטער ווערן,
וועסטו ווערן מיט לייטן גלייך;
דעמלט וועסטו געוואויר ווערן,
וואָס הייסט אָרעם און וואָס הייסט רייך.

די טייערסטע פּאַלאַצן, די רייכסטע הייזער, —
דאָס אַלץ מאַכט דער אָרעמאַן;
נאָר, ווייסטו ווער עס טוט אין זיי וואוינען?
גאָר נישט ער, נאָר דער רייכער מאַן.

דער אָרימאַן ער ליגט אין קעלער,
דער ווילגאָטש רינט אים פון די ווענט;
דערפון באַקומט ער רעמאַטעס-פעלער
אין די פיס און אין די הענט.

FRAIHAIT HIMN



פרייהייט-הימן

אידיש: אהרן קורץ — מוזיק: א. דאַווידענקאָ

פעסטער, חברים, די רייען,
שטאַרקט אייער מוט אין דער שלאַכט,
איר מוזט אייער היימלאַנד באַפרייען,
פרייהייט און ערע פון קלאַס.

אויב עס וועט אויסקומען פאַלן
אין תפיסות און צעלן פאַרקלעמט,
וועלן די אַרבעט צעשטראַלן
דורות פון נייעם פאַרנעם.

זאָל מען אונז זעצן אין קאַרצערס,
זאָל מען אונז ברענען אין פלאַם,
זאָל מען פאַרשיקן צו שטאַרבן,
מאַטערן אונז נאָכאַנאַנד.

אויב עס וועט אויסקומען פאַלן . . .

ס׳מאַטערט אין צוואַנג אונזער פאָלק זיך,
הונגער זיין אָטעם דערשטיקט.
הילף־רוף צו אונז ווידערהאָלט זיך,
מוז מען צערייסן די שטריק.

אויב עס וועט אויסקומען פאַלן . . .

טאָג פון באַנייאונג וועט קומען,
הימנעס וועט זינגען דאָס פאָלק,
וועט אונז צום גוטן דערמאָנען,
קומען צום קבר אַמאָל.

ז׳וואָס אַז ס׳וועט אויסקומען פאַלן . . .

DOS MORGN LICHT

L. MILLER **Muzik: D. SHOSTAKOVITCH**



דאָס מאָרגן-ליכט

אידיש: ל. מילער   מוזיק: שאָסטאַקאָוויטש

עס וואַרט דער פרימאָרגן, דער קילער;
דאָס וואַרעמע זון ליכט אונז רופט —
עס שפּילן און זינגען סירענען
און וועקן צו אַרבעט אונז אויף.

וואָס ליגסטו, קוטשעראַווע, ברויגעז, שטום,
וואָס פעלט דיר זאָג;
עס גייט דאָס בראַווע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

ווי ים כוואַליעס מעכטיק און רוישיק,
עס שלאָגט דאָ מיט אויפבוי און פרייד ;
ווי שטאָל זיינען קערפּערס און בויגיק
צום לויף פון געוועטן שוין גרייט.

דו דרייסט זיך, קאָטשעראַווע, ברוגעז אום,
וואָס פעלט דיר זאָג ;
עס גייט דאָס בראַווע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

ווי פריילעך עס שפּאַנען בריגאַדעס,
וואָס קען אָט די יוגנט ניט טאָן ?
קום שטעל זיך אין ריי, קאָטשעראַווע,
און האָסטו פאַרשפּעטיקט, יאָג אָן !

נו, ריר זיך, קאָטשעראַווע מיידל, קום !
דיין ריי דעריאָג !
עס גייט דאָס בראַווע לאַנד צום רום
אין ליכט פון טאָג.

YONTEV MAI



יום טוב מאַי

ווערטער: ל. מילער
מוזיק: אַלבערט ביטער

הײַנט איז יום טוב, הײַנט איז פֿרילינג.
אונזער פֿרילינג — ערשטער מאַי,
מאַי און פֿרילינג אונזער צווילינג,
יום טוב פֿרילינג, יום טוב פֿרײַ.

באַראַבאַנען, הערט, דערמאָנען,
אַז מען גייט הײַנט ניט אין שול.
אָפּגעשטעלט פֿאַבריק און באַנען,
און מיט פֿרייד די גאַסן פֿול.

לאָמיר מיט די טריט אויסשלאָגן
ליד פֿון פֿרײַ פֿון מאַי און זון.
זאָל דאָס ליד זיך ווײַט צעטראָגן,
וואו מען ווייסט נאָך ניט דערפֿון.

קומט אין גאַס און לאָמיר שפּאַנען
צו דעם טאַקט פֿון פּויק און ליד.
הימל בלוי און רויט די פֿאָנען,
אונזער מאַי האָט זיך צעבליט.

MAI LID

Tekst: M. ROSENFELD **Muzik: HANDEL**



מאַי-ליד

דער מאַי איז געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראַכט.
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן אויפגעוואַכט.

ווידער גרינט עס אַף די פעלדער,
גלאַנצט עס איבעראַל.
ווידער גרינט עס אין די וועלדער
און ס'זינגט דער נאַכטיגאַל.

נעמט דער פרילינג מאָלן
מיט זיין פּענזל, וואָס ער שמירט.
ווערן בערג, ווערן טאָלן —
די ערד מיט גרינס באַצירט.

לידער פון אַרבעט און קאַמף

סאָציאַלע לידער - אידישע פאָלק־לידער
בירא־בידזשאנער לידער - ליבע לידער
וויג לידער - פאָלקסטימלעכע פאַרשידענע לידער

(אַלעפבייס רעגיסטער)

אך א לעבן דאָ — — — — — 55
איך טו דיר א בריוועלע שרייבן — — — — — 17
א ליבע שפּיל — — — — 47
אידן שמידן — — — — — 8
אין דער קוזנע — — — — 23
א גוט מאָרגן דיר הערש דוד 28
אז מען פאָרט קיין סעוואַסטאָפּאָל — — — — 30
א ליבע אין מיין גאָרטן — 50
א וויג ליד — — — — — 57
אף א שטיינדל זיץ איך מיר — 45
איידער כ׳לייג מיך שלאָפן — 20
אפן אויוון זיצט א מיידל — 42
א לייטערל צום הימל — — 41
א באָרוועסער יונג פון די בלאָטעס — — — — — 38
א בריוו — — — — — — 48
א קרענעצע — — — — — 54
ברידער, מיר האָבן געשלאָסן 6
בין איך מיר א שניידערל — 16
בא מיין מאמען — — — — 19
בייט־זשע מיר אויס א פינף־און־צוואנציקער — — — 18
בא מיין מאמעס הייזעלע — 44
בירא בידזשאן — — — — 26
באלאלייקע — — — — — 52
דריי ניטאָרנס — — — — 14
דאָס מאָרגן ליכט — — — — — 60
די צוואה — — — — — — 10
האָ פדוניי דוניי — — — — 21
וואו ביסטו געווען — — — 46
וואכט אויף — — — — — 4
ווי וואָס פון מיין מאנטל געוואָרן — — — — — 24
כ׳אָב א ביזנע — — — — 36
יום־טוב מאי — — — — 62
מיין רוע פּלאץ — — — — 9
מאי ליד — — — — — — 63
מעכוטענעסטע מיינע — — — 43
נעמט זיך צענויף — — — — 22
ס׳וועט זיך אידיש בלוט ניט גיסן — — — — — — 25
עס רירט זיך — — — — — 7
פרייהייט הימן — — — — 58
פארמוטשעט אין פינסטערע תפיסה — — — — — — 11
פאָרן אידן — — — — — 27
פאָרן פאָרסטו פון מיר אוועק 39
פון וואנען הויבט זיך אָן א ליבע — — — — — — 40
צו מיינע ברידער — — — — 3
שנעל לויפן די רעדער — — 5
שפּינגע דעגינגע — — — — 12
שלאָף ליד — — — — — — 56
שמחה מיט זיין אידענע — — 32
שמוליק גאוריליק — — — 34
שטילער אָווענט — — — — 53